בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִויאַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?....א

מֶעג אַ פְּרוֹי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר'ן מַאן אִינְדֶערְהֵיים?...............ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין?........................................................................................ד

זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?.................................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זָאל מֶען מַאכְן חֵדֶר וָוען עֶס גֵייט אַ שְׁנֵיי?.................................א

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וָוען מֶענְטְשְׁן זָאגְן: ״אִיךְ דַארְף נִישְׁט״.............ב

זָאגְן תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת..............................ג

דִי נַיינְטֶע יָאר אִין ״בֵּית פֵּיגָא״. .......................................ג

דוּרְךְ מִקְוֶה וֶועסְטוּ בַּייקוּמֶען דַיין יֵצֶר הָרָע..........................ד

אַז מֶען אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט..........ה

וִוי אַזוֹי צוּ גֶעוַראטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּחָדִים בַּיינַאכְט. ..................ו

זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן......................ז

אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן. ..........................................ח

אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן.....................ט

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.........................................ט

מַאךְ זִיכֶער אַז אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען גוּט גֶעפִילְטֶערְט. ...............י

מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ וַוייבּ........................................ יא

טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר.................................................יב

אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶער יְסוֹד פוּן דִי סְקוּל...........................................יד

מִיט כֹּחַ קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער...... טו

אוּמְגֶעבֶּעטֶענֶע טוֹבוֹת...................................................... טז

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן לֶערְן אַ דַּף גְּמָרָא.................. טז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְ'ס................................................יז

מֶען נוּצְט נִישְׁט אוֹיס קַיין זְכוּתִים וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.........יח

מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן אַז מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב.......................................................................... יט

עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אַז קִינְדֶער גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן..... כ

דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען הַלָכוֹת מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ...............................כא

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים...................................כב

רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים.........................................כב

דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי...............................................כג

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה..........................................כד

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן קַנְס'עֶנֶען קִינְדֶער..........................................כה

'פוּן יֶעצְט' וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד..........................................כו

וָואס צוּ טוּן נָאךְ דִי טְרַאגֶעדְיֶע אִין דְזְשֶׁערְזִי סִיטִי.......................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וויאַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר אַ מְלַמֵּד פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, אָבֶער זַייט אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער מִיט דִי הַקְדָּמוֹת אִין חִינוּךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קְלַאס אֵיידֶער אִיךְ הֶער אוֹיס אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין קְלַאס, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג. לֵיידֶער אִיז דָא הַיינְט אַזַא זַאךְ אַז מֶען טֵיילְט אַיין דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז פוּן דִי בֶּעסֶערֶע, וֶוער עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוַואכֶערֶע, אוּן וֶוער אִיז נָאךְ שְׁוַואכֶער. אִיךְ ווִיל דָאס זֵייעֶר נִישְׁט טוּן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאךְ דָא קִינְדֶער וָואס אִיךְ דַארְף זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן בְּלוֹיז וֶוען זֵיי קֶענֶען דִי גְמָרָא, אוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן קֶענֶען אוֹיךְ דִי תּוֹסְפוֹת וְכַדוֹמֶה. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינִיג?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

וואויל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט אוֹיבְן אִין הִימְל פוּן מְלַמְּדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת". אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשֵׁיינֶען דִי וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט. וַוייל אַ מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דָאס וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוִויסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְז'עֶר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן אֵיינִיג; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: "לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אֵיינֶער צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס אִין לֶערְנֶען, אַ צְוֵוייטֶער צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס אִין גוּטֶע מִידּוֹת, אַ דְרִיטֶער הָאט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דֶער פֶערְטֶער הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְלַמֵּד אִיז, אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדֶע תַּלְמִיד; אֲפִילוּ דֶער קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְמָרָא רַשִׁ"י וְתוֹסְפוֹת, דַארְף מֶען אוֹיסְרוּמֶען מִיט זַיין נְקוּדָה. וֶוען מֶען זֶעט אַ

גוּטֶע נְקוּדָה בַּיי דֶעם קִינְד מַאכְט מֶען מֶען פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, מֶען בּוֹיט אִים אוֹיף דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט און חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט זוּכְן אִין זֵיי גוּטֶע זַאכְן – וֶועלְן זֵיי אַלֶע זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ פְּרוֹי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר׳ן מַאן אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, מַיין וַוייבּ אִיז נִשְׁט אַזוֹי שֵׁיין, און אִיךְ בֶּעט אִיר אַלְץ אַז וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים זָאל זִי זִיךְ שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְ׳ן גַאס. וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע און אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע וֶועג אִין דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשׁ״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן דִיר און דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן וֶועט זִי בַּאקוּמֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

אוֹיף אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וַוייבּ זָאל זַיין שֵׁיין, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:): דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי מַנִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק בֶּן אֶלְיָשִׁיב: ״לֹא מִיקַבְּלֵי עֲלֵי אִינְשֵׁי בֵּיתִי״, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אִיר אַז זִי

זָאל שֵׁיין וֶוערן און עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָק און גֶעזָאגְט: "קָא מִגַּנְדְּרָא עֲלַי", פוּן וֶוען זִי אִיז שֵׁיין גֶעוָוארְן גְרוֹיסְט זִי זִיךְ אוֹיף מִיר, זִי אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִיר, זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אִיר מַאן און זִי אִיז צוּרִיק גֶעוָוארן וִוי פְּרִיעֶר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב צְוִוישְׁן מַאן און וַוייבּ, און מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וַוייבּ זָאל הָאבְּן חֵן, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַארְ'ן מַאן; נִישְׁט נָאר זִי מֶעג, נָאר עֶס אִיז אַ מִצְוָה פַאר אִיר, וַוייל מִיט דֶעם הִיט זִי אָפּ אִיר מַאן פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי וַוייבּ פוּן אַבָּא חִלְקִיָּה - אַן אֵיינִיקֶל פוּן חוֹנִי הַמְעַגֵּל - גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע צִירוּנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס גֵייט דַיין וַוייבּ אָנְגֶעטוּן מִיט צִירוּנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס?" הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "כְּדֵי שֶׁלֹּא אֶתֵּן עֵינַי בְּאִשָּׁה אַחֶרֶת", זִי הִיט מִיר אָפּ אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַארְ'ן מַאן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועט זִי טוּן דַיין וִוילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז מַיין גֶעלְט זָאל מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אַ בִּיזְנֶעס, און אִיךְ בַּאקוּם שֵׁיין בַּאצָאלְט ב"ה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ נִישְׁט דָאס גֶעלְט, אִיךְ פִיל וִוי עֶס רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן דִי פִינְגֶערְס, סוֹף וָואךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי גֶעלְט, און אִיךְ הָאבּ נָאךְ חוֹבוֹת אוֹיךְ. לוֹיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט

הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייניג. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר אִיז מְסוּגָּל פַאר עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה אִיז דָאס מְסוּגָּל פַאר עֲשִׁירוּת; זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נָאר פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן "נְטִילַת יָדַיִם"; וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶוען דוּ גֵייסְט אִין בֵּית הַכִּסֵּא זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אוּן אוֹיךְ פַארְ'ן עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט אַזוֹי וִוי דִי הַלָכָה אִיז; דָאס אִיז מְסוּגָּל אוֹיף עֲשִׁירוּת. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "עַ'ל נְ'טִילַת יְ'דַיִם"", אִיז עָ'נִ'י', וַוייל וֶוער עֶס אִיז מְזַלְזֵל אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוערְט פַארָאֶרעמְט.

מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סב:): "אָמַר רַב חִסְדָּא", רַב חִסְדָּא הָאט גֶעזָאגְט, "אֲנָא מְשַׁאי מְלֹא חָפְנֵי מַיָּא, וְיַהֲבֵי לִי מְלֹא חָפְנֵי טִיבוּתָא", אִיךְ גִיס זִיךְ אָפּ נְטִילַת יָדַיִם מִיט אַ פוּלֶע טֶעפְּל, גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַסַאךְ גֶעלְט; רַב חִסְדָּא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ בִּזְכוּת דֶעם וָואס עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן נְטִילַת יָדַיִם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער עִיקָּר אִיז תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה", וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָּר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אַז דוּ וֶועסְט בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם,

דו וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג און דו וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן צְוֵויי שִׁידוּכִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן, אָבֶּער בַּיי אֵיין שִׁידוּךְ הָאבְּן בֵּיידֶע צְדָדִים בִּכְלַל נִישְׁט בַּאצָאלְט, און בַּיים צְוֵוייטְן שִׁידוּךְ הָאט נָאר אֵיין זַייט גֶעצָאלְט פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער, און גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן וֶועט עֶר גֶעבְּן מֶער.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן ווייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר בֵּיידֶע שִׁידוּכִים און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; מוֹהֲרַנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "פַארְוָואס הָאט דָאס דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט? ווייל דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן; מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מוֹהֲרַנַ"ת הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַאכְן שִׁידוּכִים; מוֹהֲרַנַ"ת שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (אוֹת יז): "בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט

קַאפּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶועןְ פוּן עֲבֵירוֹת"; מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ טוּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מַאכְן שִׁידוּכִים.

אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן שִׁידוּכִים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט וְכוּ' וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו בַּיים עֶפֶענֶען דִי מֵיידְל סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", אַז עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים, וֶוען מֶען טוּט אַ זַאךְ מִיטְ'ן כַּוָונָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט הָאט דָאס נִישְׁט קַיין קִיוּם, דָא הָאסְטוּ דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ, מִכְתָּב שסח):

"עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע, בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית רָחֵל" מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּוואַוואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערִיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ', יֵשׁוּת וְכוּ', פִּרְסוּם וְכוּ', אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק אוּן סְ'וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד וִויל נִישְׁט אַריינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעף, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ' וֶוערְט לֶעכֶער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ', אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ', אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָונָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה

(בְּרֵאשִׁית ו׳, ט׳) ״אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ״ נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זָאל מֶען מַאכְן חֵדֶר וֶוען עֶס גֵייט אַ שְׁנֵיי?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע צִי מֶען זָאל מַאכְן חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל וֶוען עֶס גֵייט אַ שְׁנֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע טָאג פוּן חֵדֶר, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר בֶּעטְן הִילְף צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זָאלְסְט קוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער הֶעלְפְן שְׁלֶעפְּן זַאכְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין (רַמְבַּ״ם, פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב), נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס רֶעגְנְט, עֶס אִיז גְלִיטְשִׁיג אָדֶער עֶס שְׁנֵייט זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם (תְּהִלִּים נה, טו): ״בְּבֵית אֱלֹקִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ״, רָגֶ״שׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: רֶ׳עגְן, גְ׳לִיטְשׁ, שְׁ׳נֵיי.

בִּיז דֶערְוַוייל וֶוען מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט מְסוּדָר מִיט טְרַאנְסְפָּארְטֶעיְשְׁן, מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין בָּאס אוּן מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער מִיט קַארְס - אוֹיבּ עֶס גֵייט אַ שְׁנֵיי זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טְרַאנְסְפָּארְטֶעיְשְׁן, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת. נָאר דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן אַלֵיינְס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג, אוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶוען מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ בָּאס וֶועלְן מִיר קֶענֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ אִין שְׁוֶוערֶע וֶועטֶערְס.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵא אַז דוּ זִיצְט מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוּן בִּזְכוּת וָואס עֶס אִיז דָא דֶעם (בְּרֵאשִׁית כז, כב): ״הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב״, מֶען הֶערְט קִינְדֶער לֶערְנֶען, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית

רַבָּה סה, כ): אִיז נִישְׁט דָא קֵיין "יָדַיִם יְדֵי עֵשָׂו", הָאבְּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם נִישְׁט קֵיין שְׁלִיטָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט".**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן "הַפָּצָה"; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין "הַפָּצָה", וֶועסְטוּ מֶער אוּן מֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט"; נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים. אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט "אִיךְ דַארְף נִישְׁט", פְרֶעג יֶענֶעם אוֹיבּ עֶר וִויל גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, בֶּעט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט צְדָקָה.

אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט צְדָקָה אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּן בְּרֶסְלֶב, עֶר פַארְשֶׁעמְט דִי סְפָרִים, זָאלְסְטוּ צוּרִיק גֶעבְּן דָאס גֶעלְט, נֶעם נִישְׁט קֵיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן אַן עַזּוּת פָּנִים.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף דִי סְפָרִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

גֶעדֶענְק, דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען צְדָקָה אֲפִילוּ פוּן דִי וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים, אָבֶּער פוּן אַן עַזּוּת פָּנִים זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט. טַעְנֶה זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים אוּן הָאבּ נִישְׁט מִיט אִים קֵיין מַגָּע וּמַשָּׂא.

בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין שְׁוֶועֶרֶע צָרוֹת דֶעמָאלְט דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ קֶענֶען לֶעבְּן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט גוּטֶע הַקְדָּמוֹת אֵיידֶער עֶס אִיז צוּ שְׁפֶּעט.

...

**זָאגְן תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

בְּנוֹגֵעַ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ, בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְט אָפְּטְרֶעטְן פַאר זֵיי, לָאז זֵיי פִירְן דִי סְעוּדָה; זֶעץ דַיין טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער אוֹיבְנְאָן, זֵיי זָאלְן פִירְן דִי סְעוּדָה. זֵיי זָאלְן דִי עֶרְשְׁטֶע מַאכְן קִידוּשׁ אוּן אוֹיפְשְׁנַיידְן דִי גְרוֹיסֶע חַלָּה אא״וו.

אִין שׁוּל אִיז אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ; אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ שֵׁיינֶע עֲלִיָּה, כָּל אֶחָד לְפִי כְּבוֹדוֹ, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי תְּפִילָּה זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ בְּרֶעטְל. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאגְט מֶען נִישְׁט פָאר בַּיי אוּנְז ״ה׳ מֶלֶךְ וגו׳״, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט דֶעם, קֶענְסְט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן.

לְגַבֵּי זָאגְן תּוֹרָה, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן צוּ קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֶערְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס זָאל זֵיי טְרָאגְן וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען צִיעֶן נָאךְ אַ וָואךְ; דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן צִי מֶען קֶען מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶעם צוּ זָאגְן אַ שֵׁיינֶע דְּבַר תּוֹרָה וֶוען עֶס זֶענֶען דָא אִידְן וָואס וַוארְטְן צוּ הֶערְן ״חִיזּוּק״ נִישְׁט אַ ״שֵׁיינֶע תּוֹרָה״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, ״אִם קָטָן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ, רֹאשׁ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אַתָּה״; הַאלְט זִיךְ נִישְׁט קְלֵיין אוּן גֶעבּ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דִי מֵייק צוּ רֶעדְן, בִּפְרַט פַאר דִי וָואס מַאכְן סְתָּם אַ לָאךְ אִין קָאפּ מִיט תּוֹרַת לָאקְשְׁן וְכוּ׳, פִילָאזָאפְיֶע וְכוּ׳; אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים זָאלְסְטוּ פָּארְלֵיינֶען בְּרִיוּן פוּן דִי אִידִישֶׁע ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״, דָאס אִיז נָאךְ אַלֶץ בֶּעסֶער וִוי סְתָּם תּוֹרוֹת אוּן פִילָאזָאפְיֶע.

...

**דִי נַיינְטֶע יָאר אִין ״בֵּית פֵּיגָא״.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ זִי זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אִיר

אַרְבֶּעט אִין סְקוּל. עֶס לָאזְט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין יֶעצְט דִי נֵיינְטֶע יָאר אִין "בֵּית פִּיגָא". דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער סְקוּל, זִי אִיז אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְנַהֶלֶת; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, אַלֶע תַּלְמִידוֹת שְׁפִּירְן ווִי זִי אִיז וְוִי אַ מַאמֶע פַאר זֵיי, אִיר גַאנְצֶע קָאפּ אוּן הַארְץ לֵייגְט זִי אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידוֹת.

ווִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן דָא, מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, וואוּ זֵיי וֶוערְן נִתְחַנֵךְ מִיט דִי וֶועג פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוער הָאט אַמָאל גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דָא, וֶוען פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאט מֶען זִיךְ אַזוֹי גֶעשֶׁעמְט מִיט בְּרֶסְלֶב; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן אָפְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶער הַיינְט הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דוֹר פוּן מֵפִיצִים וּמְפִיצוֹת, קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ - גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין אַלֶע גַאסְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מִיט צְנִיעוּת אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

...

**דוּרְךְ מִקְוֶה וֶועסְטוּ בַּייקוּמֶען דַיין יֵצֶר הָרָע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט מִקְרֶה לָיְלָה זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי; "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוָה" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא).

אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַנַאנְד זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק גֶעבְּן נָאכְאַנַאנְד, פַאר יֶעדֶע פַּאטְשׁ וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט זָאלְסְטוּ צוּרִיק גֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ; לוֹיף אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ אִים בֵּייקוּמֶען. רֶבִּי נָתָן הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט הָאבְּן אַ תִּקְוָה"; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין מִקְוֶה

וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָא אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? עֶר לוֹיפְט אִין מִקְוֶה אוּן לוֹיפְּט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, דַאוֶונֶען".

אַיין זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן: "דַיין ווִילְן"; אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט ווִי מֶען שְׁטוּפְּט דִיר אַוֶועק פוּן אוֹיבְן אַיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאלְסְטוּ נָאךְ אַלְץ וֶועלְן, הָאפְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ אִיד.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## אַז מֶען אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) ווִי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט דְרַיי עֶקְן, עֶר פְלֶעגְט דָאס נֶעמֶען אוּן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ ווַאוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז; וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז; וָואס פַאר אַ הָאנִיג'דִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶער'דִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרַיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמְרֶעכֶענֶען ווִיפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן

פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן וִויפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען רֶיוַח, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֶיוַח מִיַד לְיַד?"

אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים אוֹיף דִי וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַן אַנְדֶערֶע נַחַת רוּחַ, אַז דוּ קוּמְסְט אָן צוּ זָאגְן נָאר אַבִּיסְל תְּהִלִים, דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִין סְקוּל אוּן דוּ הָאסְט נָאר גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין מָאל סֵפֶר תְּהִלִים זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי אֵיין מָאל תְּהִלִים; זָאלְסְט זָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס אִיז יֶענֶעמ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ".

זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים; יֶעדֶעס וָוארְט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**וִוי אַזוֹי צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּחָדִים בַּיינַאכְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט בַּיינַאכְט (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כָּל כִּתְבֵי), פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דִי פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע: "יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי, יִתְלוֹנָן. אֹמַר לַה' מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹהַי אֶבְטַח-בּוֹ", דָאס הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי פְּחָדִים פוּן אִים.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם

נִישְׁט.

פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים פוּן דִיר.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגְן בִּילְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ וְכוּ', מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן וֶועט עֶס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין.

וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

...

זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הי"ו.**

זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַזוֹי ווִי גֶעפְּלַאנְט; אִיךְ בִּין פַארְשְׁלָאפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוֶועקְט אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין דִי וָואךְ מִיט עֶנְק, מִיט הַאלְטְן דִי כּוֹלֵל בּוֹקֶר, מִיט הַאלְטְן דִי מִנְיָן שַׁחֲרִית אוּן בְּעִיקָר זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; אִיךְ הָאף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ צוּ קוּמֶען גְלַייךְ אָנְהֵייבּ וָואךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵוייטְנ'ס כָּבוֹד, אִיר זָאלְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. הַאלְט פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר טֶעג פַארְ'ן הִסְתַּלְקוּת. מוֹהַרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, דָא הָאט אִיר דֶעם לָשׁוֹן וָואס מוֹהַרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: "דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי", אִיךְ בֶּעט אַייךְ דִי לֶעצְטֶע בַּקָשָׁה פוּן מַיין לֶעבְּן, "שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, "לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת",

מַיין גַאנְצֶע ווילְן אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל פוּן מַחְלוֹקֶת קוּמְט אַרוֹיס נָאר צָרוֹת. בַּיים סוֹף פוּן דִי בְּרִיוו שְׁרַייבְּט מוֹהַרָא״שׁ נָאכְאַמָאל: ״הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם״, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז אִיר וֶועט הַאלְטְן דִי וֶוערְטֶער פַאר אַייךְ וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; אַלֶע דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס - סַיי דִי אִידִישֶׁע טִיטְשֶׁערְס אוּן סַיי דִי עֶנְגְלִישֶׁע טִיטְשֶׁערְס - זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַ בַּעֲלַת דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאר אַ מֵיידְל וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ מֵיידְל, וַוייל בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶועןְ דֶרֶךְ אֶרֶץ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, חוּץ אַן עַזּוּת פָּנִים״; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): ״עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם״.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תלא): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן״, וֶוען מֶען ווִיל שְׁלָאפְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, ״הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כַּךְ לִישֹׁן״, אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרוּקְן אַיינְצוּשְׁלָאפְן, ״כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה״, וַוייל ווִי מֶער מֶען דְרוּקְט זִיךְ אַיינְצוּשְׁלָאפְן אַלְץ מֶער קֶען מֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, ״וְעִנְיָן זֶה גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לִבְלִי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר״, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל טוּן, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דְרוּקְן דַוְקָא צוּ טוּן דִי זַאךְ, ״כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחִין עַצְמוֹ

בְּיוֹתֵר לְאֵיזֶה דָּבָר, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הַהֵפֶךְ דַּיְקָא", ווייל ווי מֶער מֶען דְרוּקְט זִיךְ צוּ טוּן דִי זַאךְ אַלְץ מֶער גֵייט עֶס נִישְׁט.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין צְנִיעוּת, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם; מִיט דַיין צְנִיעוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן, אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת אוּן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

...

## אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט בַּיינַאכְט (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כָּל כִּתְבֵי), פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דִי פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע: "יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי, יִתְלוֹנָן. אֹמַר לַה' מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ", דָאס הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי פְּחָדִים פוּן אִים.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים פוּן דִיר.

וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וֶועסְטוּ עֶס בַּאקוּמֶען.

...

## דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים, אוּן נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס אַז דוּ בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, א): "דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, בִּפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "ווֶוען קֶענִיגְן ווָאלְטְן גֶעווִיסְט ווָאס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, ווָאלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

זֶע צוּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע, ווַייל כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

אִיךְ ווֶועל אִם יִרְצֶה ה' זַיין אִין שְׁטֶעטְל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן ווָאךְ זוּנְטָאג; אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס. גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן דַיין קְלַאס אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי צֶען אַזֵייגֶער צוּ דִי שְׁטוּבּ פוּן דִי טִיטְשֶׁער מָרַת ... תִּחְיֶ', ווַייל אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט אַייךְ.

...

## מַאךְ זִיכֶער אַז אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען גוּט גֶעפִילְטֶערְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף דֶעם אַז אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס אִין אָפִיס; סַיי אִין יְשִׁיבָה, אוּן סַיי אִין סְקוּל זָאלְן זַיין גֶעפִילְטֶערְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אוּן אוֹיךְ דִי קָאמְפְּיוּטֶער'ס אִין שְׁטֶעטְל, אַז דִי אַלֶע ווָאס אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס אוּן דִי ווָאס אַרְבֶּעטְן מִיט הַדְפָּסָה זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען אַרַיין צוּ פַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער

הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס? עֶס אִיז שׁוֹין דְרֵיי וָואכְן וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט זֵייעֶר גֶעהַאלְט.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן צֵייטְלִיךְ; אוֹיב אִיז דָא עֶפֶּעס מִיט וָואס אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן אַיינְקַאסִירְן דִי גֶעלְט בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ טוּן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**מֶען קֶען נִישְׁט צְווינְגֶען אַ וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן רֶעדְן מִיט דִיר נֶעכְטְן נָאכְן שִׁיעוּר; אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה.

מֶען קֶען נִישְׁט צְווינְגֶען אַ וַוייבּ וְכוּ׳; אַז דוּ ווילְסְט פוֹעֶלְ׳ן בַּיי דַיין וַוייבּ וְכוּ׳ קֶענְסְטוּ אֵיין זַאךְ טוּן: ״רֶעדְן שֵׁיין״, אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאכְאַמָאל, מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט.

מִיט כֹּחַ וֶועסְטוּ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער.

אִיךְ זֶע ווִי דוּ וֵוינְסְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַסַאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר בַּאגִיסְן מִיט נָאךְ חֲסָדִים. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים: ״וָואס מַאכְסְטוּ?״ ״וָואס הֶערְט זִיךְ?״ עֶנְטְפֶערְט עֶר: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, דַאן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן אַזוֹי דַאנְקְבַּאר; אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט, אוּן מֶען גֶעבְּט

אִים אַ גוּט לֶעבְּן".

פְרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי וִויל קוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט דִיר זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוֹיבּ זִי וִויל וֶועל אִיךְ מַאכְן צַייט און אוֹיבּ זִי וִויל נִישְׁט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן דוּרְךְ אַ צְוֵוייטֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן מִיט דַיין בְּרִיוו.

פוּן אַלֶעס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִינֶעם בְּרִיוו, פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וְכוּ' וְכוּ' - הָאבּ אִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע הַנָאָה פוּן דַיין הַפָּצָה, אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט פַאר נָאךְ אִידְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַאֲ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אַנְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשְׁוּבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען און מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד און צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט

מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק״, הָאט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשׁ׳ט זִיךְ פוּן אִים״; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה, קוּמְט צוּ צוּ מִיר אַ אִיד אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ, אַז זַיין זוּן אִיז אִים פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וואוּ דֶער זוּן גֶעפִינְט זִיךְ, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צוּקְרִיגְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אֵיין טָאג בַּאקוּמְט עֶר אַ טֶעלֶעפָאן רוּף, זַיין זוּן וֵויינְט: ״טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פוּפְצְן פָּאלִיצֵיי אָפִיצִירְן, רֶעד צוּ זֵיי״; עֶפֶּעס הָאט עֶר זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט׳ן גֶעזֶעץ. דֶער אִיד זָאגְט מִיר: ״עֶס אִיז אַרַיין אִין מִיר אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהָאלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשִׁיקְט גֶעלְט וְכוּ׳״; דֶער אִיד זָאגְט מִיר: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּקְרִיגְט, פְּלוּצְלִינְג וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אִים וִוי עֶר וֵויינְט ״טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר״, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים״.

פְרֶעג אִיךְ דִיר, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דָאס רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז; וֶוען מִיר פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַ בְּחִינָה וִוי מִיר זֶענֶען צוּקְרִיגְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג גֶעבְּט דֶער אִיד אַ שְׁרֵיי: ״טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר״, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, הֶעלְפְט אוּנְז אוּן גֶעבְּט אוּנְז וָואס מִיר דַארְפְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; דִי סְפָרִים בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אִין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין מְיִיאוּשׁ אוּן צֶעבְּרָאכְן, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַ דֶערְמַאן אַז מֶען הָאט אַ טַאטֶע אוּן מֶען גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי: ״טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר״, דֶעמָאלְט וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען קַיין אַמֶערִיקֶע סִידִי׳ס; דָא אִין יְשִׁיבָה

מַאכְט מֶען אַלֵיינְס סִידִי״ס, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶער יְסוֹד פוּן דִי סְקוּל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ קוּמֶען צוּ אַייךְ זוּנְטָאג; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן צוּ דִי עֶלְסְטֶע קְלַאס פוּן סְקוּל, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אַרְבֶּעט דָארְט וִוי לַאנְג מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק דֶעם יְסוֹד. פְּרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ עֶס אִיז שַׁיָיךְ צוּזַאם צוּ רוּפְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְסְטֶע קְלַאס בַּיי דִיר אוּן שְׁטוּבּ מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי צֶען אַזֵייגֶער, אוֹיבּ יָא לָאז מִיר וִויסְן.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אַז אִיךְ בִּין אִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְ׳ן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; מִיר דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן אוּנְזֶער קָאפּ אוּן מֹחַ וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג. וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן זֵיי זָאלְן אוֹיפְוואקְסְן גֶעזוּנְט בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן קַיין קִינְדֶער, וְעַל כּוּלָם אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט): ״אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן״, אוּן ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם) אַז דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בְּרֶען אוּן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער שׁוֹין פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן צוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**מִיט כֹּחַ קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן רֶעדְן מִיט דִיר נֶעכְטְן נָאכְן שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה.

אִיךְ וֵויים אוֹיךְ דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אֵייגֶענֶע הָאר; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ יָארְן לַאנְג אוּן גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֵויינְט אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיי דִי פְרוּיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן זֵייעֶר הָאר, אָבֶּער מִיט כֹּחַ וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן: מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ וַוייבּ וְכוּ׳; אַז מֶען ווִיל פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי דִי וַוייבּ אִיז דָא אֵיין וֶועג: ״רֶעדְן שֵׁיין״, מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט. דָאס הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז אוּן גֶע׳חַזְרְ׳ט אַלֶע יָארְן, ״מִיט כֹּחַ קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער״.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ וֵויים דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אֵייגֶענֶע הָאר; בָּרוּךְ ה׳ בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל אִין ״בֵּית פֵיגָא״ שֶׁערְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידוֹת דִי הָאר. מִיר גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט צוּ טוּן מִיט חֲכָמִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז זִי ווִיל נִישְׁט מֶער שְׁנַיידְן דִי הָאר וְכוּ׳, קֶענְסְטוּ נָאר טוּן תְּפִילָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, הָאסְט דָאךְ אַ בַּאקְוֶועמֶע קַאר, פָאר מִיט דַיין קַאר צוּ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, שְׁטֶעל דַיין קַאר אִין אַ זַייט, צִינְד אָן אַ וַוארֶעמֶע נִיגוּן וָואס עֶפְנְט דִי הַארְץ אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאג אִים אַלֶעס אוֹיס, זָאג אִים דַיינֶע וֵוייטָאגְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

הֶער אוֹיף רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אַנְטְקֶעגְן דַיין שְׁוֶוער; מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: ״זֵיידִי אִיז אַ שֵׁגֶץ!״ אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער אַזוֹי רֶעדְן וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אַלֶעס פַארְלִירְן, אַלֶע וֶועלְן לַאכְן פוּן דִיר. פִיר נִישְׁט קַיין מִלְחָמוֹת מִיט קֵיינֶעם

נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי טוּן דַיין ווִילְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט דַיין וֵוייטָאג; מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ אָן פַאר דַיין ווַייבּ, אִיךְ נֶעם זִיךְ אָן מֶער פַאר דִיר, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוּמְגֶעבֶּעטֶענֶע טוֹבוֹת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעשִׁיקְט.

אִים קֶענְסְטוּ זָאגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אָבֶּער דִיר זָאג אִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג פוּן הֶעלְפְן, ווַייל קַיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶעם שַׁבָּת פֶּעקְל עֶסְן מִיר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת פֶּעקְל גֶעשִׁיקְט צוּ אַ שָׁכֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן לֶערְן אַ דַף גְּמָרָא.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶונֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארֶענְטְפֶערְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא): ״אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס מַשִּׂיג צוּ זַיין, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אִינְמִיטְן, אָבֶּער אִיךְ - הָאט

דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט – הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין אוּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט מֶען זָאל זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" יֶעדְן טָאג גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא; אַ שָׁאד אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן לִימּוּד הַתּוֹרָה דָאס וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד" גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמַּחְטֵאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְ'ס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס מִיט דִיר. דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת וְכוּ' – אִיז אַ זַאךְ וָואס מוּז זַיין, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ". אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן אַזוֹי אִיז שֵׁיין – עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה – חַס וְשָׁלוֹם – דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶּער – הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט – ווָאוִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען פוּן

די מַשְׂכִּילִים, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, און פון רוֹב צָרוֹת וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַשְׁיוֹת מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד עֶר זָאל עֶנְדִיגְן רֶעדְן, וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ און גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד: "דוּ קֶענְסְט מִיר זָאגְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים? אִיךְ קוּק דִיר אָן און אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק מִיט רְמַ"ח אֲבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן!" וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעהֶערְט דִי פָּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער פון רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, עֶר הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט און גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### מֶען נוּצְט נִישְׁט אוֹיס קַיין זְכוּתִים וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען נוּצְט נִישְׁט אוֹיס קַיין זְכוּתִים וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַאכְן, פַארְקֶערְט מֶען בַּאקוּמְט מֶער און מֶער זְכוּתִים.

ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי מֶער מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פד): "דַע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִילָּה", דוּרְךְ תְּפִילָּה וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הַתְּפִילָּה הוּא שַׁעַר, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם נִכְנָסִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי טוֹיעֶר אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר שִׁידוּךְ וְכוּ', ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי

תּוֹרָה, נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

אַז אִיר ווִילְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְט אִיר דָאוֶנֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, ווַייל מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען טוּישְׁן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל; אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אַז לֵאָה הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו הָרָשָׁע, אָבֶּער זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַזַא רָשָׁע, הָאט זִי גֶעוֵויינְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" - פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען, אַז זִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ עֵשָׂו; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַ צַדִּיק, צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אִיר תְּפִלָּה, זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים ...

## מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל ווִיסְן אַז מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְטְס נִישְׁט מִיט זֵיי וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; נֶעמְטְס דִי שֵׂכֶל אוּן חִיזּוּק פַּאר אַייךְ, לֶעבְּטְס מִיט דֶעם אָן פַּארְצֵיילְן וְכוּ'.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן אַז אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶערְטְס צוּ וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ, רֶעדְטְס נִישְׁט מִיט זֵיי פוּן בְּרֶסְלֶב. אִיר קֶענְט לֶערְנֶען

דִי סְפָרִים אוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, נֶעמְטְס חִיזוּק פַאר אַייךְ אָבֶער רֶעדְטְס נִישְׁט פוּן דֶעם צוּ זַיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ וואוֹילֶער בָּחוּר, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאכְאַמָאל, דֶערְצֵיילְטְס נִישְׁט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיר נֶעמְט חִיזוּק פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וויסְן בִּכְלַל אַז מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

**עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אַז קִינְדֶער גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בִּין בְּקֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען קַיין עַיִן הָרָע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, פוּל מִיט חִיּוּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין קְלֶעצֶער אוּן זִיךְ נִישְׁט רִירְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אַז קִינְדֶער גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן, מוֹהַרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז קִינְדֶער וָואס גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, זֵיי טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען, לוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳, וְכוּ׳, - וַואקְסְן אוֹיף קְלוּג אוּן גֶעזוּנְט, ווִידֶערְאוּם קִינְדֶער וָואס מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען, לוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳, וְכוּ׳, וַואקְסְן אוֹיף שְׁטַייט אוּן אַיינְגֶעגֶעסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מִיר הָאבְּן טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס גֶעבְּן זִיךְ גוּט אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיר שְׁמוּעֶסְן זִיךְ דוּרְךְ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיב מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מִיר דַארְפְן הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן בֶּעטְן מִיר.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ גוּטֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער; דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס

עֶלְטֶערְן קֶענֶען גֶעבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיב הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוַוייטְן אוּן שֵׁיין רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוַוייטְן, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען הַלָכוֹת מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל, אַייעֶר לִימוּד אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב׳עֶ לִימוּד. אִיר לֶערְנְט הַלָכָה מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל פוּן אַלֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִיז הַלָכָה דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן גְרוֹיס וֶוערְן, זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין מַאמֶע׳ס, וֶועלְן זֵיי דַארְפְן וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע קָאךְ; הִלְכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב, הִלְכוֹת תּוֹלָעִים, הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן הִלְכוֹת בְּרָכוֹת. דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַייעֶר פָּאסְטְן; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער הַלָכוֹת, זֵיי זָאלְן קֶענֶען פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת יִחוּד מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן זַיין קְלָאר פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן וָואס מֶען מֶעג אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גֶעטְרַייעֶר מְלַמֵד; אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן אִים, אוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן הַנָאָה פוּן זַיין אַרְבֶּעט.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר לֶערְנְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ, וֶועט אִיר אִינְאֵיינֶעם זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

ווִיפִיל אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד - הָאבּ אִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן.

דָא זֶעט אַ מְלַמֵד אוֹיס ווִי אַ פָּשׁוּט׳עֶ זַאךְ, אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶקְסְטֶערֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זֵיי, אָבֶּער אוֹיבְּן אִין הִימְל זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר חָשׁוּב.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין צַדִיקִים.

דֶערְצֵייל זֵיי דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם בְּרֶענְגְט (דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל עוֹד יֵשׁ לוֹמַר) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לב, יא): ״כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן״, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יַרְדֵן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן טַייךְ דֶענִיעֶסְטֶער מִיט זַיין גַארְטְל - בְּלוֹיז מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, טַייטְשְׁט עֶר ״כִּי בְמַקְלִי״, מַקְל״י בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל יַעֲק״ב וָואס זַיין מִדָה אִיז אֱמֶת, אַז דוּרְךְ אֱמֶת, דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַלֶע וַואסֶערְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט פַאר אַנְדֶערֶע אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס מִיר שְׁמוּעֶסְן; אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן הִתְחַזְקוּת קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים, אַ שָׁאד אַז מֶען טְרָאגְט דָאס נִישְׁט וַוייטֶער פַאר אַנְדֶערֶע, אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

אוֹיבּ עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס אַ שְׁאֵלָה צִי מֶען זָאל גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ קִינְד, זָאלְסְטוּ דָאס דוּרְךְ רֶעדְן מִיט ... אוּן אוֹיבּ מֶען פַּסְקֶ׳נְט אַז דֶער קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ דַאן זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין ... עֶר זָאל הָאבְּן דִי זְכוּת וְכוּ׳.

...

**רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּב׳עֶ מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס צוּ זָאגְן, וַוייל וִויפִיל מֶען וֶועט זָאגְן אִיז וֵויינִיג גֶעזָאגְט, אָבֶער דָאךְ דַארְף מֶען זָאגְן.

מִיר דַאנְקֶען אַייךְ פוּן טִיפְן הַארְצְן אוֹיף וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיר בּוֹיט זֵיי אוֹיף בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט אוּן לִיבּ הָאבְּן דָאס עֶכְטֶע לֶעבְּן.

דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין סְקוּל זֶענֶען מֶער רֵייף אוּן דֶערְוַואקְסְן וִוי חֲתוּנָה גֶעהַאט׳עֶ וַוייבְּלֶעךְ; זֵיי וֵויסְן וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ בְּשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וִוי נָאנְט מֶען מֶעג זַיין מִיט חַבֶר׳טֶעס, אִיר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן זַאכְן וָואס וֶועט חָרוּב מַאכְן דָאס גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳, הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן צוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים; לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער דוֹר אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער טְשֶׁעפֶּען דִי שְׁוֶועסְטֶערְס רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרֵרוֹת, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, זֵיי אָנְגְרֵייטְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנִיוָולִים.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט רֶעדְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - סִיוּם הַשַּׁ״ס, מִיר וֶועלְן בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט וֶוען דִי מֶענֶער זֶענֶען אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט זָאלְט אִיר רֶעדְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן, זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן מַחְשִׁיב זַיין לִימּוּד הַתּוֹרָה, זֵיי זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר וֶוען דֶער מַאן לֶערְנְט, זֵיי זָאלְן מְחַזֵק זַיין דִי מַאן צוּ גֵיין לֶערְנֶען וְכוּ׳.

דָאס וָואס אִיר טוּט מִיט דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ׳ע תַּלְמִידוֹת - אִיז עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וַוייל עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוילַאנְג אַ פָּארְפָאלְק אִיז זִיךְ מְסַדֵר אוּן הֵייבְּן אָן לֶעבְּן, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין.

נָאכְאַמָאל, יְיַשֶׁר כֹּחַ בְּשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן אוּן דִי גַאנְצֶע קְהִילָה.

...

**דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר אַ בַּאריכְט פוּנֶעם מוֹסָד, סַיי פוּן חֵדֶר אוּן סַיי פוּן סְקוּל - וְוִי גֶעטְרֵייִ דוּ הֶעלְפְסְט אַרוֹיס מִיט יֶעדְן פְּרַט וָואס מֶען דַארְף.

יֶעדֶע חֶסֶד וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער וֶוען מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ מוֹסָד, מֶען בּוֹיט מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דָאס אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; "וֶוען?" וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, "מִיט וֶועם?" וֵוייס אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, אָבֶּער דָאס וֵוייס אִיךְ זִיכֶער, אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵייִ; דוּ וַוארְסְט נִישְׁט אוֹיף קַיין כָּבוֹד וְכוּ', דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אֲפִילוּ אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶערְפוּן; וָואס דֶער מְנַהֵל בֶּעט דִיר, וָואס דִי מְנַהֶלֶת בֶּעט - וֶוערְט גֶעטוּן גְּלַייךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

זֶע צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת; פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן ח"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג, אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט.

...

**לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט אִין סְקוּל, יֶעדֶער אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיין. וַוייל רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן נִישְׁט הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיין, פוּן נִישְׁט זַיין זֶעלְבְּסְט שְׁטֶענְדִיג.

וְוִי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִין קִינְדֶער? דוּרְךְ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וְוִי מֶער מֶען לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, עֶס פַאלְט אַוֶועק דָאס וָוארְט: "אִיךְ"; "אִיךְ קֶען יָא?" "אִיךְ קֶען נִישְׁט", "אִיךְ בִּין יָא?" "אִיךְ בִּין נִישְׁט".

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע סְפֵיקוֹת, דַאֲגוֹת, מַחְשָׁבוֹת רָעוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ'.

בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט אַלֶע טִיטְשֶׁערְס פוּן "בֵּית פֵיגָא", מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה; מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַז אַלֶעס וָואס מֶען וִויל אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט אוּן קִינְדֶער וָואס הֶערְן נִישְׁט גְלַייךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְחוּצָפִּים אָדֶער שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער וְכוּ', דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁארְפֶע אוּן קְלוּגֶע קִינְדֶער, זֵיי דַארְף מֶען מְקָרֵב זַיין אוּן טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי מַאכְן זֵיי זָאלְן הֶערְן פוּן פָאלְגְן.

בֶּעט פַאר מִיר מִיט דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין; מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

...

### דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן קַנְס'עֶנֶען קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

וֶוען אַ מֵיידְל פָאלְגְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן; קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֶעבֶּעדִיג זֶענֶען גָאר גוּטֶע סְחוֹרָה, קִינְדֶער וָואס הֶערְן נִישְׁט גְלַייךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁארְפֶע קֶעפּ, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי מַאכְן זֵיי זָאלְן הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אוּן זֵיי מַאכְן פָאלְגְן.

בְּנוֹגֵעַ קַנְס'עֶנֶען מִיטְ'ן אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין אַ נִידֶערִיגֶע כִּתָּה; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן קַנְס'עֶנֶען, דָאס קֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי טוּן אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמֶען; עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען קַנְס'עֶנֶען אַ קִינְד, אִים מְחַנֵּךְ זַיין צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אוֹיךְ אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קַנְס'עֶנֶען קִינְדֶער מִיטְ'ן הֵייסְן זָאגְן תְּהִלִים, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אַ שִׂנְאָה צוּ תְּהִלִים.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיפְ'ן מַאֲמַר חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין צט:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה", דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער, "מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ עֲשָׂאוֹ", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֵיי גֶעבוֹירְן; אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קָאמְפְּלִימֶענְט נָאר אַן הִתְחַיְּיבוּת, מֶען זָאגְט פַארְ'ן מְלַמֵּד: "טְרַאכְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער".

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

**'פוּן יֶעצְט' וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' ... זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן, טְרַאכְט נִישְׁט: 'עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי שְׁפֶּעט!' טְרַאכְט פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אוּן זָאג צוּ זִיךְ: 'פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זֵייעֶר כִּיטְרֶע, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵויים שׁוֹין אַלֶע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע מִיטְל,

מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג מִיר צוּ צֶעבְרֶעכְן״; אָבֶער וִוי גְרוֹיס, קְלוּג אוּן כִּיטְרֶע עֶר אִיז אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן, אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, קוּקְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דֶעם שְׁלֶעכְטְן.

זִינְג אוּן טַאנְץ ״אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ״ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**וָואס צוּ טוּן נָאךְ דִי טְרַאגֶעדְיֶע אִין דְזְשֶׁערְזִי סִיטִי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען רוֹצְחִים אוּן גֶע׳הַרְגְ׳ט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְפְן מִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען וָואס טוּעֶן מִיר דָא אוּן וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ. אַנְשְׁטָאט אַרוּם צוּ גֵיין מִיט פְּחָדִים פוּן דִי גֶעשֶׁעֶנִישׁ, דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית בְּזֶה הָעוֹלָם? וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ? דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוּן דָאס בִּיסְל מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר כַאפְּן אַרַיין - דָאס אִיז אוּנְזֶער פַארְמֶעגְן.

אַז דוּ ווִילְסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, ד): ״כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד״, אַ אִיד וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, ״בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם״, כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר״, דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַּאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְט, ״אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ״, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

הָאסְט אַוַדַאי גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע חֵלֶק פוּן דִי נַייֶעס אַז אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיז בְּחֶמְלַת ה׳ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ״ס.

אַלֶע זֶענֶען מִיר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי טְרַאגֶעדְיֶע; אִין יְשִׁיבָה טַאנְצְן מִיר יֶעדְן טָאג מִיט מוּזִיק אוּן אִין דִי פָּאר טֶעג הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעטַאנְצְן, אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אַרַיין כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ג): ״אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה״, עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן גוּטְס, נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה; זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם. זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער אוֹיף שַׁבָּת, נָאר יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת. אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ, אָבֶער אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ הֶפְסֵד אִין גֶעלְט אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶערְס חַס וְשָׁלוֹם; אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ בִּיז פְרַייטָאג קֶען אַרִיבֶּער גֵיין דִי וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן דָאס וֶועט קָאסְטְן אַ פְּרַייז הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ - יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ״י, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

טְרַאכְט אַרַיין וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי טֶעג פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן, ״כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו)״, זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): ״הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף״, הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן נָאר פְלִיט דוּרְךְ וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...